# בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ד' פ' מטות | י"ח תמוז | תשע"א | ע"ז.


# באריכט:

## על מי מנוחות ינהלינו

מרן רבינו שליט"א איז נעכטן פארנאכטס בשעה טובה אנגעקומען קיין ניו העמשפיר ווי דער רבי שליט"א וועט אי"ה ווילן אויף די קומענדיגע וואכן ווי געמאלדן.

ווען דער רבי שליט"א איז אנגעקומען אויף בעטלעהעם, זענען די אנשי שלומינו שיחיו וועלכע האלטן זיך אצינד אויף דארט אויף אפרוה, געקומען מקבל פנים זיין מרן רבינו שליט"א און שלום גענומען, און דערנאך אי' דער רבי שליט"א צוגעגאנגען צום ארטיגען מחזיקי הדת ביהמ"ד ווי דער רבי שליט"א דאווענט אין די טעג וואס ער טוהט זיך דארט געפונען.

~•~

## שמחת ברית בבית ספינקא אין מחנה רב טוב

דעם פארגאנגענעם מאנטאג העעל"ט, האבן די תלמידי מכינה לשיב"ק אין מחנה רב טוב ד'סאטמאר מיטגעהאלטן דעם שמחת הברית פון בן הנולד להרה"ג ר' עקיבא יוסף כהנא שליט"א מנהל רוחני כיתה מכינה לישיבה קטנה – בארא פארק, חדב"ן האדמו"ר מבית יצחק ספינקא שליט"א.

לכבוד די שמחה איז דער זיידע ספינקא'ר רבי שליט"א אנגעקומען אין קעמפ, ווי מען האט געדאווענט שחרית אינאיינעם מיט גאנץ כיתה ט', און דערנאך איז פאהרגעקומען דער שמחת הברית.

גלייך דערנאך איז געפראוועט געווארן א שיינער מסיבת לחיים ווי עס האט זיך אויך באטייליגט די עלטער פעטער האדמו"ר מ'קראלי שליט"א, און שפעטער איז פאהרגעקומען דער סעודת מצוה אינאיינעם מיט די תלמידי כיתה ט' פון בארא פארק.

~•~

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.